נומער 4.7

ע ק ז ע ק י ו ט י ו   א ר ד ע ר

**פארצוזעצן דער דעקלאראציע פון א גאנץ-סטעיט׳יגע דיזעסטער עמערדזשענסי צוליב העלטקעיר שטאב מאנגלען אין סטעיט ניו יארק**

**אזוי ווי,** עס זענען פאראן שטאב מאנגלען אין שפיטעלער און אנדערע העלטקעיר איינריכטונגען און זיי זענען ערוואַרטעט ווייטער אנצוהאלטן;

**אזוי ווי,** ערנסטע שטאב מאנגל אין שפיטעלער און אנדערע העלטקעיר איינריכטונגען זענען ערוואַרטעט צו ווייטער אפעקטירן די פעאיגקייט צו באזארגן קריטיש-וויכטיגע באהאנדלונג און צו פאסיג סערווירן ריזיקירטע טיילן פון דער באפעלקערונג;

**אזוי ווי,** עס איז פאראן א באלדיגע און קריטיש-וויכטיגע נויט צוצולייגן צו עקזיסטירנדע שטאב מיטגלידער צו פארזיכערן אז העלטקעיר איינריכטונגען קענען געבן באהאנדלונג;

**אצינד, דעריבער,** טו איך, קעטי האוקול, גאווערנער פון דער סטעיט ניו יארק, דורך די אויטאריטעט באפולמעכטיגט אין מיך דורך דער קאנסטיטוציע פון דעם סטעיט ניו יארק און טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ, איצט פארלענגערן דער סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי פארגעלייגט אין דעם עקזעקיוטיוו באפעל 4, און פארגעזעצט אין עקזעקיוטיוו באפעל 4.6, און פארזעצן ווייטער די טערמינען, באדינגונגען, און אפשטעלונגען אויסגערעכנט אין עקזעקיוטיוו באפעלן נומער 4, 4.1, 4.2, 4.3, 4.4, 4.5 און 4.6 ביז אפריל 30, 2022, אויסער:

- די אפשטעלונגען אנטהאלטן אין עקזעקיוטיוו באפעל 4.4 פון אפטייל 3 פון טייל 2895-b פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ אן אפטייל 1 פון טייל 2828 פון דעם פובליק געזונטהייט געזעץ וועלן מער נישט זיין אין קראפט.

ג ע ג ע ב ן   אונטער מיין האנט און דער פארהאלטענער זיגל פון

דעם סטעיט אין דער שטאט אלבאני דעם איין

און דרייסיגסטן טאג אין מערץ אין דעם יאר

צוויי טויזנט צוויי און צוואנציג.

דורך דער גאווערנער

סעקרעטאר פאר דעם גאווערנער